NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07786

FORSHTELUNGEN

Litman

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליטמאן

פאַרשטעלונגען

„קינדערפריינד", ווארשע 1937

Printed in Poland

L I T M A N

FORSZTELUNGEN

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1937

פּצעריי ה. גלאנק, מוראנאווסקע 28 ה. 25

Druk. „Renoma", Warszawa

דער פרידן

פרײ פון שפּאַניש לויט

אַלבערטאַ לאַראַן דע ווערא.

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

די לערערין.
לייבל,
מאַרעק,
נאַטאַן,
כאַימל,
באַשע,
פערל,
און קינדער וואָס רעדן נישט.

אַ פולער קלאַס מיט קינדער. די לערערין זיצט בײַם שרײַבטיש. נאַטאַן און מאַרעק אויף צוויי באַזונדערע בענק, אין דער צווייטער רײַ באַהאַלטן דאָס פּאָנעם הינטער די פּלייצעס פון די שילער, וואָס זיצן פאַר זיי.

ערשטע סצענע

ד י ל ע ר ע ר י ן — ווי איך האָב אײַך געזאָגט, קינדער, האָט די שול־פאַרוואַלטונג פאַראָרדנט צו ווידמענען הײַנטיקע לעקציע צו דערקלערן אײַך די באַדײַטונג פון וואָרט „פרידן". קען מיר עמעצער פון אײַך זאָגן,—וואָס ס'הייסט אַזוינס פרידן ?

כ אַ י מ ל — איך, לערערין. (שטעלט זיך אויף).

ד י ל ע ר ע ר י ן — לאָמיר הערן.

כ אַ י מ ל — ע... דער פרידן איז פונקט דאָס פאַר־קערטע פון קריג.

ל יי ב ל (שטעלט זיך אויף): ניין, לערערין. דער פרידן איז דאָס, ווען מען וויל נאָך געלט און מען וויל נישט געבן.

ד י ל ע ר ע ר י ן — וואָס, וואָס ?

ל יי ב ל — ע, געוויס... ווען מיר גייען אָפטער אין קינאָ און די מאַמע וויל בײַם טאַטן געלט, זאָגט ער: איך האָב נישט קיין געלט אַרויסצוּוואַרפן און איך האָב איר שוין געזאָגט אַ סאַך מאָל, אַז דו זאָלסט מיך לאָזן צו פרידן (דער גאַנצער קלאַס לאַכט).

ד י ל ע ר ע ר י ן (לאַכט) — פיין, אָבער, איך וויל הערן אַן אַנדערע דערקלערונג. זאָג מיר דו, כאַימל, דו זאָגסט, אַז פרידן איז דאָס פאַרקערטע פון קריג, עמעס? זאָג זשע מיר, וואָס איז אַזוינס קריג ?

כ אַ י מ ל — ע... קריג... קריג... איז, לעמאָשל, איר שטעלט אַוועק איין פולק זעלנער דאָ און אַ צווייטן דאָרט...

ד י ל ע ר ע ר י ן — ווער שטעלט אַוועק, איך?

כ אַ י מ ל — ניין... איך מיין די גענעראַלן. פון יעדער זײַט שטעלט מען אַוועק אַן אַנדערע פאָן, האַר־מאַטן, ביקסן און קוילנוואַרפער. מען גיט אַ סיגנאַל און מען הייבט זיך אָן צו שלאָגן.

די לערערין — גוט, גוט. דער קריג איז מער אָדער ווייניקער אַזוי. אָבער וואָס איז דער פרידן?

כאַימל — ע... דער פרידן איז, ווען די זעלנער קערן זיך צוריק אום אַהיים און מען טוט זיי אָן מע־דאַלן אויף דער ברוסט און זיי נעמען זיך צוריק צו די אַקערס און סערפּן. דעמאָלט רעדט די רעגירונג דורך ראַדיאָ.

די לערערין — אַהאַ, נישקאָשע. ווער נאָך וויל מיר דערקלערן, וואָס עס איז פרידן? ווער נאָך? דו, מאַרעק, וואָס האָסטו זיך דאָרט באַהאַלטן? (מאַרעק שטעלט זיך אויף אין מיטן קלאַס, אַ אויג איז אים אונטערגעשלאָגן מיט אַ ברוין און בלויען צייכן) וואָס איז דאָס? ווער האָט דיר אונטערגעשלאָגן דאָס אויג?

מאַרעק (אַ וויינענדיקער) — דאָס האָט נאַטאַן מיר אונטערגעשלאָגן דאָס אויג, לערערין.

די לערערין — נאַטאַן? לאָמיך נאָר הערן, וואָס איז דאָ געשען. נאַטאַן! שטעל זיך נאָר אויף. (נאַטאַן שטעלט זיך אויף אין מיטן קלאַס. אים אויך אַן אונטערגעשלאָגן אויג, פונקט ווי בײַ מאַרעקן). וואָס איז דאָס? דו אויך? ווער האָט דיר אונטערגעשלאָגן דאָס אויג?

נאַטאַן (אַ וויינענדיקער) — דאָס האָט מאַרעק מיר אונטערגעשלאָגן דאָס אויג, לערערין.

די לערערין — זייער פיין! (צו די קינדער) צוליב וואָס האָט מען זיך געשלאָגן?

מ א ר ע ק — ער האָט געזאָגט, אַז מײַן מאַמע איז א „ליטווישער כאַזער“ און דאַן...

נ א ט א ן — יאָ, אָבער ער האָט מיר פריִער געזאָגט, אַז מײַן מאַמע איז אַ „פּוילישע דריבקע“.

ד י ל ע ר ע ר י ן — וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד, האַ? איר זענט דאָך ביידע קוזינען? אײַערע מאַמעס זענען דאָך שוועסטער?

נ א ט א ן און מ א ר ע ק — יאָ, לערערין.

ד י ל ע ר ע ר י ן — אויב אַזוי, ווי קומט עס, אַז איר זאָלט זיך קריגן און באַליידיקן? אײַערע מאַמעס זענען דאָך שוועסטער פון איין טאַטן און קינדער פון איין לאַנד?

מ א ר ע ק — ניין, לערערין, ווען מײַן מאַמע איז געבוירן געוואָרן, האָבן מײַנע עלטערן געוווינט אין ווילנע, און ווען זײַן מאַמע איז געבוירן געוואָרן, האָבן זיי געוווינט אין וואַרשע.

ד י ל ע ר ע ר י ן — אַזוי! אָבער ווי עס זאָל נישט זײַן, איז דאָס פון אײַך גאָר נישט פײַן. איר זענט קוזינען, כּימעט ברידער... און אײַערע מאַמעס זענען אויך צעקריגט?

מ א ר ע ק — אַוואַדע, מײַן מאַמע איז גערעכט, זי זאָגט...

נ א ט א ן — ווער גערעכט, וואָס גערעכט! מײַן מאַמע איז גערעכט, ווײַל זי זאָגט...

צווייטע סצענע

די זעלבע. באַשע און פערל. עס הערט זיך אַ קריגעריי הינטער דער בינע און ביידע קומען אַריין קריגנדיק זיך.

באַשע – גיב דיין קינד אַ בעסערע דערציִונג, אויב ער איז אַזאַ...

פערל — גיב דו דיינעם אַ בעסערע דערציִונג, ווייל ער איז אַ גאַסניונג.

באַשע – זע נאַר, ווער עס רעדט! „דו וועסט מיך נאָך אייננריכטן”, האָט געזאָגט די פּאַטעלניע צו דעם פענדל.

די לערערין — פרויען! איך בעט אייך, איר זענט אין אַ שול.

פערל — אַנטשולדיקט, לערערין, איך בין געגאַנגען דערבּצויגן צו וויסן ווו איך בין, אָבער איר זעט דאָך.

באַשע – זי האָט אַ נאָמען מיט איר מויל, איר מעגט עס וויסן.

די לערערין — און פאַר וואָס קריגט איר זיך?

באַשע – ווייל איר טאַכשיט האָט געשלאָגן מיינעם, נאַטאַנען... קום... (נאַטאַן הייבט זיך אויף און גייט צו דער מאַמען) זעט, זעט וואָס פאַר אַ אויג דער דאָזיקער באַנדיט האָט אים געמאַכט? (צום יונגל) פאַר וואָס האָסטו אים נישט צוריקגעגעבן אַ זבענק, אַזוי ווי דער טאַטע האָט דיך געלערנט?

נאטאן — אוואדע האָב איך אים צוריקגעגעבן. זע, וואָס פאַר אַן אויג ער האָט.

פערל — איר הערט? קום אהער מאַרעק. זעט, זעט, לערערין, ווי אַזוי דער מערדער, דער רעצייעך האָט געשלאָגן מײַן אָרעם זונעלע.

די לערערין — אָבער צי וואָס די גאַנצע קרי־גערײַ און דער געשלעג? איר זענט דען נישט קיין שוועסטער?

באַשע — איר וועל אײַך דערקלערן, לערערין. די געשיכטע איז אַזוי: איך האָב אויפן מאַרק אַ פּרוכטן־געשעפט, איר ווייסט? קומט זי און שטעלט זיך אַוועק מיט אַ פּרוכטן־געשעפט פּונקט אַקעגנאיבער און נעמט מיר צו די גאַנצע קליענטעלע.

פערל — איך נעם דיר גאָר נישט צו. וואָס בין איך שולדיק, אַז די מענטשן קומען צו מיר קויפן?

באַשע — און פאַר וואָס גייסטו אַרום זאָגן, אַז איך פאַרקויף אַלטע און פאַרפוילטע פּרוכטן?

פערל — איך זאָג נאָר, אַז מײַנע פּרוכטן זענען גוט און פריש.

די לערערין - גוט, גוט... איין מאָמענט. ווי עס זעט אויס, האָט איר זיך פאַרגעסן, אַז איר זענט צוויי שוועסטער. איידער איר האָט זיך צעקריגט זענט איר געווען צוזאַמען?

באַשע - געוויס, לערעריז, אָבער...

די לערערין—אָט דער „אָבער" טויג נישט. איר

וואַרפט בעסער אַוועק דעם „אָבער" און אָנשטאָט צוויי פּרוכטן־געשעפטן, וואָס זאָלן צווישן זיך קאָנקורירן, שטעלט בעסער אַוועק איין גרויס פּרוכטן־געשעפט. וועט איר האָבן בלויז איין מאַרק, איין קליענטעלע און זיך טיילן דעם רייווח אויף האַלב.

פּ ע ר ל (איבערראַשט) — האַ!...

בּ אַ ש ע (אויך איבערראַשט) — עס איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן, מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן,

די ל ע ר ע ר י ן — איז עס דען אַן אוממעגלעכע זאַך?

פּ ע ר ל — פאַר מײַנעטוועגן איז רעכט אַזוי אויך.

בּ אַ ש ע — און איך וואָלט אויך גאָר נישט געהאַט ז'ערקעגן.

פּ ע ר ל — אַזוי ווי איך האָב אַ גרויסן לאָקאַל, קענסטו אַריבערברענגען דײַנע שמאַטעס.

בּ אַ ש ע — אַ געוועלבטיש, שענקלעך פון צעדער־האָלץ — זענען בײַ דיר שמאַטעס?

פּ ע ר ל — גוט, מיר וועלן זיך ווע̄גן דעם איצט נישט קריגן...

די ל ע ר ע ר י ן — הייסט עס, אַז מען קען זיך פאַרגלײַכן?

בּ אַ ש ע — פאַר וואָס נישט?

פּ ע ר ל — ווען מיר זאָלן זיך פריִער באַטראַכטן...

נ אַ ט אַ ן (נעמט אַרויס אַ בארג מענטשעלעך פון טאַש, ווייזט איינע) דאָס מענטשעלע האָסטו?

מאַרעק – לאָמיר זען? ניין, דאָס האָב איך נישט.

נאַטאַן – נעם עס, איך האָב עס צוויי מאָל, נאַ.

מאַרעק – דו האָסט אַ פוטבאָל?

נאַטאַן – איך האָב.

מאַרעק – און אַ ספּאָרטבלוזע האָסטו?

נאַטאַן – יאָ, פון „גיבער".

מאַרעק – איך האָב אַ שענערע.

באַשע – עס מאַכט נישט, איך וועל אים אויך קויפן אַזאַ העמדל.

נאַטאַן – אויב אַזוי וועלן מיר מאַכן אַ קלוב.

מאַרעק – געוויס, און מיר וועלן אים רופן „דער קלוב פון פרידן".

די לערערין (צו די שילער) – קינדער, די דאָזיקע אומדערוואַרטעטע פּאַסירונג קומט מיר גוט צו נוץ צו דערקלערן אײַך, וואָס ס'איז אַזוינס דער פרידן. פונקט ווי עס איז געשען מיט די צוויי פרויען, וואָס זענען צוויי שוועסטער, געשעט אויך מיט צוויי לענדער ווען זיי צעקריגן זיך צוליב קאָנקורענץ, אָדער צוליב וועלכער ס'איז אַנדערע סיבעס, קומט צו אַ מילכאָמע. אָבער ווען זיי הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז די מילכאָמע ברענגט בלויז אָרעמקייט, האַס און פאַרביטערונג און אַז אין דער איינִיקייט איז די קראַפט, אין דער צוזאַמענאַרבעט און קעגנזײַטיקער הילף, איז דער וווילזײַן, דאָס גליק–ווען זיי פאַרשטייען דאָס, וואַרפן זיי אַוועק דאָס

געווער און פאַרייניקן זיך אין אָן אָפּנהאַרציקער העפ־
לעכער פריַינדשאַפט, און דעמאָלט קומט צוריק פאַר
די פעלקער זער פראָגרעס, די שעפע, די פריַיד. דאָס
איז דער פרידן.

פּערל (צו באַשען) — ווי מיר פריער, באַשע, דו
דערמאָנסט זיך?

באַשע (נעמט [illegible] אַרום) — פּערל!

פּערל ([illegible]) — באַשע!

די לערערין ([illegible]) — גוט, קינ־
דער, איך גלייב, אַז איר האָט געהאַט זייער אַ גוטן
בײַשפּיל און איר האָט מיך אַלע גוט פאַרשטאַנען.

([illegible] דער גלאָק, די [illegible] מאַכט אַ צייכן און
די קינדער שטעלן זיך [illegible] אין [illegible] דער [illegible]
מיט אַ [illegible].)

פאפירענע פייגל

פּערזאָנען:

מאַמע,
טאַטע,
פּעטער,
בלימעלע—פיר יאָר אַלט.
שימעלע—פינף יאָר אַלט.
בריוטרעגער,
ברויטפירער,
לייזערל—פינף יאָר אַלט.

(אַ הויף, אַ טיש, שטרויענע בענקלעך. אַ ווינשטול. וואַזאַנעס. רעכטס אַ טיר, צו די צימערן. לינקס — אַ טיר אין קיך אַריין און אין באַרצימער. אין מיטן — אַ טיר אין פאַרהויז).

זומער. מיטאָגצייט.

מאַמע (שטייט אין מיטן הויף און טרייבט מיט אַ האַנ־טעך די פליגן)—נו, געגאַנגעז זאָל ווערן! מאַרש פון דאַ־נען!...

(עס לויפן אַריין בלימעלע און שימעלע מיט אַ אימפעט)

בלימעלע }
שימעלע } ווו איז פּאַפּאַ?

מ אַ מ ע — איר ווייסט נישט וווּ עס איז דער פּאַ־
פּאַ? — בײַ דער אַרבעט, קינדערלעך. ער דאַרף באַלד
קומען.

ש י מ ע ל ע — פּאַפּאַ קען מאַכן פייגעלעך פון פּאַ־
פּיר?

ב ל י מ ע ל ע - אַזוי ווי סענדערלס טאַטע?

מ אַ מ ע — איך ווייס נישט. ער וועט באַלד קומען,
וועט איר אים פרעגן.

(דער טאַטע קומט אַהיים אָנגעטאָן אין אַרבעטסקליידער, ער באַ־
גריסט זיי. בלימעלע און שימעלע לויפן אים אַנטקעגן.)

ש י מ ע ל ע—קענסט מאַכן פייגעלעך פון פּאַפּיר?

ב ל י מ ע ל ע — יאָ? פּאַפּאַ, דו קענסט?

ט אַ ט ע—אַוודאי קען איך.

ש י מ ע ל ע - מאַך מיר אַ פייגעלע.

ב ל י מ ע ל ע - מיר אויך, פּאַפּאַ.

מ אַ מ ע — איצט נישט. דער טאַטע דאַרף עסן.

ש י מ ע ל ע - איין פייגעלע.

ב ל י מ ע ל ע — אַ קליינס.

ט אַ ט ע — גוט, לאָמיך זיך נאָר אַרומוואַשן, מאַך
איך צוויי פייגל ווי די בערן (אַף אין באַרצימער).

ש י מ ע ל ע) (נעמען זיך אין פּאַר מיט הענטלעך.
ב ל י מ ע ל ע) טאַנצן מיט פרייד און זינגען):

אייגל, בייגל, זעגל, טייגל,
טאַטע וועט אונדז מאַכן פייגל.
פייגל שמייגל פון פּאַפּיר

איינס פאַר מיר און איינס פאַר דיר.
אוקו, מוקו, טוקו, לוקו,
לאָמיר מאַכן ביידע קוקו.
קוקו אַהין, קוקו אַהער —
אַרעלע נאַרעלע טאַנצט מיטן בער.

ט אַ ט ע (קומט אַריין פון באַרצימער) — באַלד וועט איר האָבן פייגל פון פייגללאַנד.

מ אַ מ ע — דאָס עכן וועט דאָך קאַלט ווערן.

ט אַ ט ע — ווי לאַנג מיינסטו וועט געדויערן? איין מינוט. (זעצט זיך בײַם טיש און צײכנט א בלאַט. די קינדער שטעלן זיך אַרום.)

ב ל י מ ע ל ע — סענדערל האָט אַ פייגעלע מיט קעשענעס. איך וויל אויך אַ פייגעלע מיט קעשענעס.

ט אַ ט ע (קנייטשט דאָס פּאַפּיר) — מיט קעשענעס איז מיט קעשענעס. אָבער איך האָב מורע, דער פויגל זאָל שפּעטער דיך אַרײַנלייגן אין אַ קעשענע און אוועקפליען.

ש י מ ע ל ע — און איך וויל אַ בלוי פייגעלע.

ט אַ ט ע (צו זיך) — עפּעס קומט דאָך נישט אַרויס בײַ מיר. שוין פאַרגעסן...

מ אַ מ ע — לאָז נאָר מיך. איך וועל דיר ווײַזן, ווי מען מאַכט פייגל.

ט אַ ט ע — אָבער עס איז דאָך פּאַשעט נישט שיין.
(קנייטשט דאָס פּאַפּירל פון אַלע זייטן).

מ אַ מ ע — נישט שיין אַהין און נישט שיין אַהער.

אַז מען קען נישט און מען ווייסט נישט, נעמט מען זיך נישט אונטער. אָט וועל איך באַלד איינס אוי צוויי געבן אַ מאַך צוויי פייגל ווי די בייגל.

בלימעלע)
(טאַנצן און זינגען):
שימעלע)

צוויי פייגל ווי די בייגל,
דרייַ לאָקשן פון אַ טייגל.
מאַמעלע, מאַמעלע שיינינקע
מאַך אונדז פייגל קליינינקע.
די פייגל וועקן שטיין אויפן טיש
און שלינגען קאַרטאָפל מיט פיש.

מאַמע (קנייטשט דאָס פּאַפּיר) — אַזוי און אַזוי און אַזוי, און איצט... ווי אַזוי קנייטשט מען, האַ?

טאַטע — אָט האָסטו דיר. דו ווייסט אויך נישט.

(פּאַס באַוויַיזט זיך אין טיר דער מילכטרעגער מיט צוויי קאַנען).

מילכטרעגער — מילך!... וואָס טוט איר, פרוי איר מאַכט די קינדער פייגעלעך פון פּאַפּיר?

טאַטע — זי וויל מאַכן, נאָר זי קען נישט...

מילכטרעגער (שטעלט אַוועק די קאַנען) — איר קענט נישט מאַכן קיין פייגעלעך פון פּאַפּיר? פע! נישט שיין פאַר אייַך. גיט נאָר מיר אַ שטיקל בלאַט און איך מאַך אייַך אין איין מינוט אַ טויט פייגל.

מאַמע — אַז איר ווילט...

טאַטע — לאָמיר זען...

מילכטרעגער (זעצט זיך ביים טיש און נעמט א באַפּיר)- אַ פייגעלע מאַכט מען אַזוי און אַזוי און אַזוי...

מאַמע און ווײַטער?...

טאַטע - יאַ, און ווײַטער ווי אַזוי?...

מילכטרעגער - און ווײַטער?... ווײַטער?...

אַזוי... נײַן, עס טויג נישט. איך האָב שוין אויך פאַר־געסן...

(ס'קומט אַריין דער בריווטרעגער).

בריווטרעגער - גוטמאָרגן! די צײַטונג... (באַקומט אַ בריוו איבערן טיש) וואָס טוט איר, איר מאַכט פייגעלעך?

טאַטע
מאַמע) מיר ווילן מאַכן פייגעלעך.

בריווטרעגער - נאָר איר קענט נישט, האָ? אויב איר וועט מיר דערלויבן, שטעל איך אײַך באַלד אויס אויפן טיש אַ גאַנצן פאָלק פייגל.

טאַטע - אדעראַבע...

מאַמע - זעצט זיך.

בלימעלע
שימעלע) זינגען און טאַנצן:

זעצט אײַך, פעטער,

נאַט אײַך בלעטער.

מאַכט אונדז פייגל איינס און צוויי,

ווען די פייגל,

וועלן באַקן בייגל,

שענקען מיר אײַך די לעכער פון זיי.

ברויטרעגער (זעצט זיך צום טיש)-באַלד וועט זײַן אַ פייגעלע, אַ פייגעלע. דאָס פייגעלע וועט האָבן אַן אייגעלע, אַ אייגעלע...

(אין טיר באַווייזט זיך דער ברויטפירער)

ברויטפירער – אַ גוט מאָרגן אײַך! ברויט! פריש ברויט! (קוקט צום טיש) וואָס טוט איר, איר מאַכט פייגעלעך, האַ?

טאַטע - מיר ווילן מאַכן...

מאַמע - נאָר מיר קענען נישט...

ברויטפירער (שטעלט אַוועק דעם קויש) – און איר שעמט זיך גאָר נישט, האַ? פע, פע, פע, לאָזט מיך נאָר צו.

טאַטע - מיטן שענסטן פאַרגעניגן.

מאַמע – אַדעראַבע, באַווײַזט וואָס איר קענט.

ברויטפירער (זעצט זיך צום טיש און רײַסט אַראָפּ פון ברויטערגערס הענט דאָס פּאַפּיר) - גיב אַהער, שלימאַזל איינער. איך וועל דיר ווײַזן, ווי מען מאַכט פייגל· (קנייטשט דאָס פּאַפּיר) אַ פייגעלע מאַכט מען אַזוי און אַזוי...

טאַטע - דוכט זיך, אַז איר בלאָנדזשעט אויך, פעטער.

מאַמע - נאָך אַ מין בלאָנדזשען.

ברויטרעגער–ווען אויפן הימל וועט וואַקסן גראָז, וועט ער מאַכן אַ פייגעלע.

ברויטפירער-אָבער וואַרט, איין מינוטקעלע...

(כס דימט אריי דער פעטער).

פ ע ט ע ר — וואָס טוט איר־דאָ? עפּעס אַ גאַנצע פאַבריק...

ש י מ ע ל ע)
ב ל י מ ע ל ע) (דייטן אויף אנטדעקן) פעטער! פעטער!

פ ע ט ע ר — ווײַל איך בין אַ פעטער רײַסט איר די בלעטער?

ש י מ ע ל ע — מען מאַכט אונדז פייגעלעך.

ב ל י מ ע ל ע — מיר אַ פייגעלע און שימעלען אַ פייגעלע.

ט א ט ע—דאָס הייסט, מיר ווילן מאַכן, נאָר מיר קענען נישט.

פ ע ט ע ר—וואָס! קיין פייגעלע מאכן קענט איר נישט? לאָזט נאָר מיך צו. (ווארפט אראפ דאס רעדל און פארקאשערט די ארבל). עס וועלן באַלד פליען פייגל פון די הענט. גיכער, גרייט נאָר צו אַ זאַק. וואָרעם בײַ מיר אַז מאַכן, זאָל זײַן געמאַכט. (נעמט א פאפיר און הייבט אן רעכענען) איינס... צוויי... דרײַ... פיר. און איצט אַ שפּיץ אַהער, אַ שפּיץ אַהין, און... וואַרט נאָר... ווי אַזוי גייט ווײַטער?

אַ ל ע — אַט האָסטו אים, דעם מאַכער!... אַבי ער האָט פאַרקאַשערט די אַרבל.

ט אַ ט ע—איר זעט נישט, ווי עס פליען אים פייגל פון די הענט?

מ י ל כ ט ר ע ג ע ר—גיט אים אַ זאַק, פאַר וואָס גיט איר אים נישט קיין זאַק, האַ?

ב ר י ו ט ר ע ג ע ר – מאַכט צו די טירן, די פייגל זײַנע װעלן דאָך אַרױספליען.

(עס קומט אַרײַן לייזערל, שאַרט זיך צו צום טיש).

ל יי ז ע ר ל – אוי! פייגעלעך... איך קען מאַכן פייגעלעך...

ש י מ ע ל ע – מאַך.

ב ל י מ ע ל ע – מאַך מיר אַ פייגעלע (גיט איבּ אַ פּאַפּירל).

ל יי ז ע ר ל – (נעמט דאָס פּאַפּירל און דערציילט ניד) – אַזוי... אַזוי און אַזוי, ערשט פאַרבייגט מען דעם שפּיץ אַהער און דעם שפּיץ אַהין און מען לייגט אײַן אַזוי... און שוין, אַט האָט איר אַ פייגעלע.

ב ל י מ ע ל ע) (דערפרייט) אַ פייגעלע! אַ פייגעלע!
ש י מ ע ל ע)

אַ ל ע – (בלײַבן שטיין פאַרשעמט) ער קען בעסער פאַר אונדז...

ב ר י ו ט ר ע ג ע ר – (כאַפּט לייזערלען און הייבט אים אויף) בראַוואָ, יינגעלע!

אַ ל ע – בראַוואָ! בראַוואָ!

די פוילע שילערין

פרײ פ' שפאַניש

(אין צימער זענען דאָ צוויי מיידלעך. איינע מאַכט די לעקציעס
אין די צווייטע שפּאַצירט אַרום. די מאַמע קומט אַרײַן, זעט
נעבעך אין די ערשטע מיידל ראָזע:)

ר אָ ז ע – מאַמע, ווען דו זעסט, וואָס פאַר א שיי־
נע לעקציע מיר האָבן אויף מאָרגן!

ע ס ט ע ר (מורמלט) – שיין... שיין... זי וויל זיך
באַווײַזן.

מ אַ מ ע – וואָס פאַר אַ לעקציע?

ר אָ ז ע – קריסטאָפאָר קאָלומבוס. די אַנטדעקונג
פון אַמעריקע.

מ אַ מ ע – עמעס. זייער אינטערעסאַנט. איך וועל
באַלד אַרײַנקומען, וועלן מיר שמועסן וועגן דער לעק־
ציע.

ר אָ ז ע – גוט, מאַמע.

(די מאַמע גייט אַרויס)

(די קינדער זעצן זיך לייענען. ראָזע קוקט פאַרטיפט אין בוך
אין דערווײַל מישט די בלעטער פון דער געשיכטע אין צייכנט זיך
אײַן קאָל.)

עסטער – איינס... צוויי... דרײַ... פיר... און זײַ מייגען, אַז דאָס אַלץ וועט מיר אַרײַן אין קאָפּ (זינגט) טראַ... לאַ לאַ ראַ... טראַ... לאַ לאַ ראַ (לייענט) קריסטאָ־ פאָר קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אמעריקע אין יאָר טויזנט פיר הונדערט... (טוט האַסטיק אַ מאַך צו דאָס בוך) אופּףףף! עס הייבט זיך שוין אָן מיט די ציפערן! איך וועל גיין אַ ביסעלע איבערלופטערן דעם קאָפּ. (שפּאַ־ צירט אַרום איבערן צימער און רעדט בײַ...) וועמען איז דאָס אײַנגעפאַלן צו שרײַבן געשיכטע? וואָס דאַרפן מיר וויסן, וואָס עס איז געשען?... דערצו נאָך מיט ציפערן... דער קאָלומבוס געפעלט מיר נישט. ווען ער זאָל נישט האָבן געוועזן... (עס קומט אַרײַן די מאַמע אין [illegible])

מאַמע – האָסט שוין געענדיקט?

עסטער – ניין, מאַמע. איך בין געגאַנגען טרינ־ קען וואַסער. (גייט צו צום טיש און נעמט דאָס בוך און לייענט הויך אויפן קאָל) קאָלומבוס... קאָלומבוס... האָט אַנט־ דעקט... אַנטדעקט אמעריקע... אַמעריקע... אַמעריקע...

מאַמע – וויפל איז דער שיער! מאַכסט מיר לע־ כער אין קאָפּ מיט דײַן אַמעריקע.

עסטער – איך כאַזער זיך אײַן גוט.

מאַמע (צו די קינדער) – לאָמיר הערן, ווער איז געוועזן קאָלומבוס?

עסטער – אַ מענטש...

ראָזע – אַ מאַטראָז פון גענוע.

עסטער — איך האָב עס געוואָלט זאָגן. שטענ־דיק כאַפּט זי מיר אויס.

מאַמע — וואָס האָט קאָלומבוס געטון?

עסטער — ער האָט... (קוקט אויפֿן סופֿיט) כ'על דיר באַלד זאָגן... ער האָט...

ראָזע — אַנטדעקט אַמעריקע.

עסטער — (בייז) זי לאָזט מיך נישט אויסרעדן. איך האָב געוואָלט זאָגן.

מאַמע — ווען איז דאָס געווען?

עסטער (טראַכט) — אין יאָר... אין יאָר... (כאַפּט זיך אין שטערן) שטענדיק פֿאַרגעס איך דאָס יאָר!

ראָזע — דעם 12טן אָקטאָבער 1492.

מאַמע — ווי האָט געהייסן דער אינדזל, ווו קאָלומבוס איז אָפּגעשטיגן אין אַמעריקע?

עסטער — כ'על דיר באַלד זאָגן. ער האָט גע־הייסן... עס ליגט מיר אויפֿן שפּיץ צונג.

ראָזע — די איינגעבוירענע פֿון לאַנד האָבן דעם אינדזל גערופֿן גואַהאַנאַהאַני און קאָלומבוס האָט אים גערופֿן סאַן סאַלוואַדאָר.

מאַמע — ווו איז געשטאָרבן קאָלומבוס?

עסטער — ווו ער איז געשטאָרבן? אין שטוב מאַמע.

מאַמע — שווייג, דו פּוילע!

ראָזע — אין וואַליאַדאָליד, אין עלטער פון 70 יאָר.

מאַמע — ראָזע, דו קענסט גיין שפּילן זיך (צו עסטער) און דו בלייב מאַכן די לעקציע.

(די מאַמע איז [illegible] אַרויס)

עסטער — ווען איך וואָלט געלערנט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלט איך אויך געגאַנגען זיך שפּילן. איך פּאַרשטיי... געדולד!... אָבער איך פרעג איין זאַך: ווער האָט קאָלומבוסן געבעטן אַנטדעקן אַמעריקע? איבער אָט דעם נאַרישן קאָלומבוס דאַרף איך דאָ זיצן... און פונקט איז אים איינגעפאַלן אַנטדעקן אַמעריקע אין יאָר טויזנט פיר הונדערט מיט נאָך עפּעס. פאַר וואָס האָט ער נישט אַנטדעקט אַמעריקע אין יאָר טויזנט, צי צוויי טויזנט, אַז עס זאָל זיין לייכטער צו געדענקען? וואָלט דען נישט געווען אַלץ איינס? אַזאַ שלימאַזל! און צו אַלעמען האָט ער נאָך באַדאַרפט אָפּשטעלן אין גו... גו... גוואַנאַ... איך קען גאָר נישט נאָך זאָגן דאָס וואָרט. ער האָט נישט געקענט אָפּשטעלן אויף אַן אינדזל מיט אַ שענערן און לייכטערן נאָמען? מען זעט, אַז ער איז נישט געגאַנגען אין שול אַריין און נישט געדאַרפט מאַכן קיין לעקציעס! דערפאַר זאָג איך: ווען מען שיקט מיך עפּעס אַנטדעקן, גיי איך נישט. עס איז פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס אויף די קינדער, וואָס וועלן מאָרגן דאַרפן לערנען און שטודירן!... איך רעד און רעד און די צייט גייט אַוועק. די מאַמע

וועט באַלד אַרײַנקומען און מיך אָנהייבן אויספרעגן...
אַך! עס איז דאָך אַזוי הייס!... איך ווער דאָ דער־
שטיקט... איך וועל אַרויסגיין אויפן הויף מאַכן די
לעקציע.

(גייט אָפּ מיט ביבל אין ראַנץ).

Opłata pocztowa uiszczona gotówką

פרײַז 60 גר. פֿערטער יאָרגאַנג № 5-6 20 GRUDNIA 1937

„Kinder-Frajnd“

DWUTYGODNIK Wydanie B

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Nowolipki 30 m. 31

„קינדערפֿרײַנד“, וואַרשע.

דאַניעל דעפֿאָ

ראָבינזאָן קרוזאָ



[illegible] 200 [illegible]

13 [illegible]

פרייז פאר אבאנענטן פון „קינדערפריינד“

[illegible] 2.75 גילדן | [illegible] 65 [illegible]

[illegible] 4.50 [illegible] 1 [illegible]

די נאָענטסטע אויסגאַבע

דערשײַנען דעם 20־טן יאַנואַר 1938